**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/16/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**מער זיכערע גאסן און סובוועיס: גאווארנער HOCHUL און מעיאר ADAMS מעלדן פארמערטע געזעץ אינפארסירונג אנוועזנהייט און נאך זיכערהייט מאסנאמען אין סובוועי סיסטעם**

***יעדע סובוועי באן וועלן האבן צוויי אפיצירן אין יוניפארם אויפן באן צווישן 9:00 .p.m און 5:00 .a.m***

***באלד 300 אפיצירן אין יוניפארם וועלן פאטראלירן ארום 150 באנען; ערשטע פאזע וועט אנפאנגען די איינפירונג יאנואר 20***

***נייע באשיצנדע צוימען וועלן ווערן אינסטאלירט אויף פלאטפארמעס אין מער ווי 100 סטאנציעס; LED לעמפלעך וועלן ווערן אינסטאלירט אין אלע סובוועי סטאנציעס צו פארמערן זעבארהייט***

גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) און מעיאר Eric Adams (עריק עדעמס) האבן היינט געמאלדן א וואוקס אין געזעץ אינפארסירונג און נאך זיכערהייט מאסנאמען לענגאויס ניו יארק סיטי'ס סובוועי סיסטעם. די זעקס-חדשים'דיגע באמיאונג וועט פארזיכערן אז ארום 300 אפיצירן אין יוניפארם זאלן זיין איינגעשטעלט אויף באלד אלע 150 נאכט באנען, מיט צוויי אפיצירן אין יוניפארם באשטיצט צו יעדע באן צווישן 9:00 .p.m און 5:00 .a.m; די NYPD וועט איינשטעלן די ערשטע פאזע פון אפיצירן דורכאויס די נאכט שעות אנגעפאנגען מאנטאג, יאנואר די 20סטע. אלס טייל פון איר 2025 סטעיט אוו די סטעיט, האט גאווארנער Hochul (האקול) געמאלדן א סעריע פון ארומנעמענדע נייע שריט צו מאכן די טראנזיט סיסטעם מער פארזיכערט אפר אלע ניו יארקערס, וואס נעמט אריין פארמערן געזעץ אינפארסירונג אנוועזנהייט, אינוועסטירונגען אין זיכערהייט אינפראסטרוקטור אפגרעידס און פארשטערקערן גייסטישע געזונט פאליסעס.

"איך בין איבערגעגעבן צו פארזיכערן אז יעדע רייזדער פילט זיך פארזיכערט ווען זיי גייען אריין אין אונזער טראנזיט סיסטעם און זענען אויפן סובוועי," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט.** "פארברעכן און די שרעק פון פארברעכן דארף ווערן געניטערט, און די וואוקס פון געזעץ אינפארסירונג פאטראל, באשיצנדע צוימען און LED לעמפלעך וועלן פארמערן די סובוועי סיסטעם'ס זיכערהייט פאר רייזנדער און טראנזיט ארבעטער."

**ניו יארק סיטי מעיאר Eric Adams (עריק עדעמס) האט געזאגט,** "אין די צייט וואס אונזער אדמיניסטראציע טוט ווייטער פארמינערן פארברעכן, סיי איבער און אינטער די ערד, מוזן מיר טון אלעס וואס מיר קענען צו פארמיידן צופעליגע שריט פון געוואלדטאטן און פארזיכערן אז אלע ניו יארקערס זענען נישט נאר פארזיכערט, נאר פילן זיך פארזיכערט. ווען איך פאר אויף די באנען און רעד צו געוועהנליכע ניו יארקערס, זאגן זיי אז זיי ווילן מער אפיצירן אויף די סובוועיס און נאך שטיצע פאר די וואס ליידן פון שווערע גייסטיגע קרענק. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר מיטארבעט. זי איז פולשטענדיג גערעכט אז מיר מוזן ווייטער פריאריטיזירן די אינוועסטירונגען - ווייל פאבליק זיכערהייט איז די נויטיג צו רייכקייט."

גאווארנער Hochul (האקול) האט געארבעט צו ענטפערן זיכערהייט זארגן אויף ניו יארק סיטי סובוועיס. דאס האט אריינגערעכנט צו ארויסשיקן מער פון 1,250 סטעיט מאנשאפט מיטגלידער צו ארויסהעלפן די NYPD מיט פעק אונטערזוכונגען און אן איניציאטיוו צו אינסטאלירן סעקיוריטי קאמעראס אין יעדע סאָבוועי וואגאן — א ציהל וואס איז עררייכט געווארן אין די 8 חודשים נאכן אנאנסירט ווערן. גאווארנער Hochul (האקול) ווייזט אז מער מוז געטון ווערן צו נאכקומען די פראבלעם, און בויט אויפן פונדאמענט פון די פריערע איניציאטיוון מיט נייע אינוועסטירונגען און פראגראם פארברייטערונגען.

די נייע שריט פירן ווייטער די גאווארנער'ס אנגייענדע איבערגעבנקייט צו פריאריטיזירן פאבליק זיכערהייט און באשיצן רייזנדער און ארבעטער דורכאויס די סובוועי סיסטעם:

**פארמערן געזעץ אינפארסירונג אנוועזנהייט אריבער די סיסטעם**
גאווארנער Hochul (האקול) שטעלט זיך צאם מיט ניו יארק סיטי אפישלס צו פארמערן די אנוועזנהייט פון געזעץ אינפארסירונג דורכאויס די גאנצע סובוועי סיסטעם פאר די קומענדיגע זעקס חדשים. ארום 300 ניו יארק פאליציי דעפארטמענט (New York Police Department NYPD) אפיצירן וועלן ארבעטן פון 9 p.m. ביז 5 a.m., מיט צוויי אפיצירן אין יוניפארם אויף יעדע סובוועי באן אין סערוויס דורכאויס די שעות. די פאטראלן אויף די באלד 150 נאכט באנען זענען ערווארטעט אנצוהאלטן פאר די קומענדיגע זעקס חדשים. די סטעיט און סיטי וועלן צוזאמען דעקן די 154 מיליאן דאלאר אלגעמיינע קאסטן פון איינגעשטעלטע, מיט 77 מיליאן דאלאר וואס וועט קומען פון די סיטי און ניו יארק און 77 מיליאן דאלאר פון ניו יארק סטעיט.

**נייע באשיצנדע צוימען צו באשיצן רייזנדער**
גאווארנער Hochul (האקול) וועט צושטעלן די געלטער צו אינסטאלירן פלאטפארם עק צוימען ביי מער ווי נאך 100 סטאנציעס ביזן ענדע פון 2025. סטאנציעס וועלן אויסדערוועהלט ווערן פאר די אינסטאלאציע פראצעדור באקומענדיג פריאריטעט פאר ווי גרינג עס וועט זיין, אריינרעכענענדיג סטאנציעס וואו די וואגאנען שטעלן זיך אייביג אפ אויף פונקטליך די זעלבע לאקאציע אין חלקים פון די **1, 2, 3, 4, 5, 6, 7, F, M** און **L** באנען. צווישן די באן ליניעס, וועלן סטאנציעס מיט א העכערע רייזנדער שטאפל און אינזל פלאטפארמעס ווערן פריאריטיזירט.

**אסעמבלימעמבער Alex Bores (אלעקס בארעס) האט געזאגט,** "פלאטפארם עק צוימען זענען די ביליגסטע און שנעלסטע וועג צו מאכן יעדע סטאנציע צער פארזיכערט און מאכן מענטשן פילן מער פארזיכערט. וויסן אז עס איז דא א פארזיכערטע פלאץ צוווארטן פאר די באן וועט ברענגען פארלייכטערונג. נאך וואס די MTA האט זיי סוקסעספול איינגעפירט לעצטע יאר, אפלאדיר איך די גאווארנער פארן פריאריטיזן דאס איינשטעלן צוימען אין 100 סטאנציעס אלס טייל פון אן ארומנעמענדע פאלן פאר סובוועי זיכערהייט."

**אינסטאלירן LED לעמפ צו פארמערן זעבארהייט**
די גאווערנער וועט אויך צושטעלן פינאנצירונג צו אינסטאלירן LED באלייכטונג אין אלע סאָבוועי סטאנציעס אריבער די סיסטעם, פארגרינגערנדיג צו זעהן אריבער די סטאנציעס.

**פארמיידן זיך ארויסדרייען פון צאלן**
כדי צו אדרעסירן דאס זיך ארויסדרייען פון צאלן פאר רייזעס, וועט גאווערנער Hochul (האקול) אינוועסטירן אין מאדערנע טיקעט אריינגאנג טירן אין מער פון 20 סטאנציעס אריבער די סיסטעם אין 2025 און ביי נאך 20 סטאנציעס אין 2026. אין צוגאב, וועלן ארויסגאנג טירן פארשטייטערן די עפענונג פון די טיר ביי נאך 150 סטאנציעס אין א באמיאונג צו אפהאלטן מענטשן פון זיך ארויסדרייען פון צאלן. אונטער די גאווערנער'ס פאראדענונג, וועט די MTA גיבן פריאריטעט פאר סטאנציעס מיט העכערע צאלן פאסאנזשירן, צוגענגליכקייט מאסנאמען און די וואו עס זענען דא העכערע ראטעס פון מענטשן וואס דרייען זיך ארויס פון באצאלן. די אויספרובירטע דעזיין וואס איז גענוצט געווארן אין די ערשטיגע שטאפל איז פארלאנגט געווארן דורך א "פארלאנג פאר אינפארמאציע" (Request for Information) וואס די

MTA האט ארויסגעלייגט צו אויסוועהלן די קומענדיגע דור פון טיקעט אריינגאנג טירן אריבער די סיסטעם. ערשטיגע אינסטאלאציע איז געסקעדזשולט זיך צו אנהויבן ביי 42 St-Port Authority, Delancey St-Essex St און Roosevelt Av-Jackson Heights.

**אויסברייטערן גייסטישע געזונטהייט שותפות'ן און הילפס-מיטלען**
גאווערנער Hochul (האקול)'ס Safe Options Support (SOS) איניציאטיוו האט ערפאלגרייך אריינגעלייגט נאענט צו 850 היימלאזע מענטשן אין קביעות'דיגע האוזינג, און עס זעצט פאר צו מאכן פארשריט. SOS מאנשאפטן וועלכע זענען מאביליזירט אריבער ניו יארק סטעיט טרעפן זיך אפט אן אין מענטשן וועלכע האבן אומערפילטע מעדיצינישע און פסיכיאטרישע באדערפענישן. כדי צו אדרעסירן די נויט, וועט גאווערנער Hochul (האקול) צולייגן גאסן מעדיצין און גאסן פסיכיאטריע פראפעסיאנאלן צו SOS מאנשאפטן אריבער די סטעיט. די פראפעסיאנאלן וועלן צושטעלן צייטליכע קעיר געציהלט פאר מענטשן אין די צייט ווען די מאנשאפטן קומען אן צו זיי, פארגרינגערנדיג צוטריט צו פסיכיאטרישע אונטערזוכונגען און מעדיצינישע באהאנדלונג אן פארלאנגען מענטשן צו איבערלאזן זייערע חפצים אויפן גאס אדער זיך ווענדן פאר קעיר אין שפיטעלער. די צוגאנג וועט פארשטערקערן די צוטרוי, בויען א קשר און מוטיגן מענטשן צו אננעמען סערוויסעס און אריינגיין וואוינען אין אן אינעווייניגע הויז, פארבעסערנדיג די צושטאנד פון ניו יארק'ס שוואכסטע איינוואוינער.

אין צוגאב – כדי צו נאך מער העלפן רעדוצירן היימלאזיגקייט אין די סאָבוועי סיסטעם – וועט גאווערנער Hochul (האקול) ארבעטן מיט די NYC היימלאזע סערוויסעס דעפארטמענט ( Department of Homeless Services) צו אויסברייטערן זייער מאדעל פון "אויפנאמע צענטערן" (Welcome Centers) וואס זענען אפן 24/7 ביי לעצטע סטאנציעס און אזוי אויך צו אוועקשטעלן פלעצער אינערהאלב סטאנציעס וואו עס האלטן זיך אויף א גרויסע צאל פון היימלאזע מענטשן פאר אונזערע ארומגייענדע 'קירוב' מאנשאפטן זיך צו בעסער פארבינדן און קאארדינירן סערוויסעס.

גאווארנער Hochul (האקול) האט שוין געמאלדן א 20 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג צו פארברייטערן די סובוועי קא-אפרוף אוטריטש טיעמס (Subway Co-Response Outreach Teams, SCOUT) דורכאויס די סיסטעם ביז די ענדע פון 2025, אלס טייל פון איר פינף-פונקט פלאן צו באשיצן ניו יארקערס אויף די סובוועי. SCOUT מאנשאפטן זענען טרעינירט צו אדרעסירן די הארבסטע פעלער פון גייסטישע געזונטהייט קריזיס אינערהאלב די סאָבוועי סיסטעם און ארויסהעלפן ניו יארקער ביים באקומען צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט באהאנדלונג און שטיצנדע האוזינג.

די גאווערנער האט געמאכט דאס פארשטערקערן ניו יארק סטעיט'ס גייסטישע געזונטהייט סיסטעם אלס א פריאריטעט פון איר אדמיניסטראציע, מאכנדיג היסטארישע אינוועסטירונגען אין האוזינג פאר מענטשן מיט גייסטישע קראנקהייטן און פאראארדענענדיג א גרויסע העכערונג אין די צאל בעטן אין פסיכיאטרישע אנשטאלן ביי סטעיט-אנגעפירטע און קאמיוניטי-באזירטע שפיטאל סיסטעמען. אין צוגאב, האבן אירע איניציאטיוון אויסגעברייטערט פארמיידונג סערוויסעס, פארבעסערט אינשורענס דעקונג און אויסגעברייטערט אַוט-פעישענט סערוויסעס פאר מענטשן מיט גייסטישע קראנקהייט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן